Kraków
Bibl. Jagiellońskiej
Anny 12

„ראַדאָמער-קעלצער לעבען" מיט דער „פּאַנאָראַמע" פאַר 25 גר.

פּרייז 25 גראָשען XV טער יאָהרגאַנג „Nakład ... gotówką" 1 (690) „Radomer-Kielcer Leben" היינט 10 זייטען

Radom, dnia 7-go Stycznia 1938 r.
ראַדאָם, פרייטאָג ה' שבט תרצ"ח
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 15 - 18

פּאַראָווע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע
A.
HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע אַלטע שטאָדט 7
פיליעס:
זשעראָמסקי 1
זשעראָמסקי 21
זשעראָמסקי 59
טראַוגוטטאַ 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

## ר' שמואל אדלער ז"ל



דאָס בילד, וואָס מיר ברענגען דאָ אין נעקראָלאָג איז דאָס קלאָרע פּנים פון פאַרשטאָרבענעם ר' שמואל אדלער, וועלכער איז געבראַכט געוואָרען צו זיין אייביגער רוה פאַרגאַנגענעם פרייטאָג.

ר' שמואל אדלער איז געווען פון די ערשטע פּיאָנערען אין ראַדאָם-אויס'ן געביט פון דער גאַרבערײַ-אינדוסטריע. ער האָט געגרינדעט זיין לעדער פאַבריק אין יאָהר 1882. אין יענער צייט איז אין ראַדאָם נאָך נישט געווען אַזוי ענטוויקעלט די לעדער-פּראָדוקציע ווי האָט שפּעטער אָנגעהויבען וואַקסען אויפ'ן היגען באָדען און צווישען די, וואָס האָבען פאַרלייגט די ערשטע פונדאַמענטען, איז געווען דער פאַרשטאָרבענער, וועלכער האָט פאַרמאָגט איניציאַטיווע און אונטערנעמערישען שוואונג. זיין פאַרמעסט צו אינדוסטריאַליזירען אַ געוויסען צווייג פון דער ווירטשאַפט, האָט געטראָגען נישט בלויז קיין לאָקאַלען כאַראַקטער, נאָר האָט אויך געשפּילט צו יענער צייט אַ גרויסע ראָליע אין אַלגעמיינעם ווירטשאַפטליכען לעבען אין פּוילען. שפּעטער האָט ראַדאָם באַקומען אַ נאָמען פון איינעם פון די גרעסטע צענטערס פון דער לעדער-פּראָדוקציע אין לאַנד, וואָס האָט פאַרקניפּט עקספּאָרט-באַציהונגען מיט חייסטע שטעט און לענדער און גלייכצייטיג געדיענט אַלס פּרנסה קוואַל פאַר אַ סך אַרבייטער, האַנדווערקער, סוחרים און וואָיאַזשאָרען, וועלכע האָבען אויסגעברייטערט די אַבזאַץ-מאַרק. צו דער אויפבלי פון ראַדאָם אַלס אינדוסטריע-צענטער האָט בייגעטראָגען אַן אָנזעהנליכען און גרויסען אַנטייל ר' שמואל אדלער.

חוץ אינדוסטריעלער און מענש מיט גרויסע לייסטונג'ס-פעהיגקייטען, וואָס שאַפט רעאַלע ווערטהען אין ווירטשאַפטליכען לעבען, האָט ער אויך אַרויסגעוויזען חוש און פאַרשטענדניס פאַר געזעלשאַפטליכע ענינים. נאָך אין יאָהר 1902 איז ער געווען אַ דאָזאָר אין דער ראַדאָמער יודישער קהלה, וואו זיין נאָבעלער רצון האָט געפונען אַנ'אויסדרוק אין פאַרשידענע אַקציעס לטובת דער יודישער באַפעלקערונג.

דער נפטר קען מען אַוועקשטעלען אין דער רייה פון גרויסע מנדבים וויל זיין האַנד איז שטענדיג געווען אָפען פאַר אַלע צרכי הצבור. ער האָט געטוהן פילאַנטראָפּישע אַרבייט בעשיידען, רוהיג, שטיל. נאָך אין יאָהר 1905 האָט ער געשפּענדעט אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון זיין פרוי 2000 רובעל פאַר דער גמילת-חסד-קאַסע, וואָס איז צו יענער צייט געוואָרען געגרינדעט. דערביי איז ווערט צו דערמאָנען אַ זעהר כאַראַקטעריסטישען פאַקט, וואָס האָט געהאַט אָנגערט אויף אַ זיצונג פון דער דאַמאָלסדיגער פאַרוואַלטונג פון דער גמילת-חסד-קאַסע.

אַרומרעדענדיג אויף דער זעלבער זיצונג וועגן דעם שכר אויף יענער וועלט פון דער מצוה גמילת חסדים, האָט דער ה' דיאַמענר, דאַמאָלסדיגער פאַרוו. מיטגליד פון דער קאַסע, באַשטאַנען צו פאַרקויפען ר' שמואל אדלער זיין חלק עולם הבא פון דער אָבגעלאָפענער צייט אויפ'ן געביט פון דער גמ"ח-טעטיגקייט און נאָר ביז'ן טאָג פון דער קניה — פאַר 200 רובעל. דער נפטר האָט תיכף אויסגענומען אַזאַ סומע און באַצאָהלט דעם ה' דיאַמענט, וועלכער האָט די 200 רובעל אויפ'ן אָרט געשענקט דער גמ"ח-קאַסע.

און מ'האָט שפּעטער געפרעגט דעם נפטר צו וואָס דאַרף ער קויפען פרעמדענס עולם הבא, און ווי שייך האָט ער אַליין דערצו נישט זוכה געווען, האָט ער געענטפערט: פון וואַגען בין איך זיכער מיט מיין עולם הבא, ווען דער חשבון, צי דערצו וועט גענוגענד זיין מיין אייגענער זכות?

(ווייטער זייט 2)

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי-ווייסע פאָרהאַנגען,
גיעסט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער באַקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

# A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האָט זיך נאָך נישט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער אַרבייט. ס'ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פּרייזען! — פּינקטליכע אויספיהרונג, סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך

צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1, טראַוגוטטאַ 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59

ביליג צו וואַשען קאַפעלושען

# שטיצט דעם חודש פון יודישען בוך

פראקלאמירט דורך דער
פרץ-ביבליאטעק
אין ראדאם.

# 500 דאלאר פון ראדאמער רעליעף אין ניו-יורק

אונזער רעדאקציע האט דערהאלטען א ידיעה, אז דער ראדאמער רעליעף אין ניו-יארק האט ארויסגעשיקט 500 דאלאר צים היגען 15 קאמיטעט פאר אינסטיטוציעס און פאר דער קאסע ביים 15-קאמיטעט.

# א גניבה איז א פוטער-געשעפט דורך אונטערגראבונג

אין דער נאכט פון מיטוואך אויף דאנערשטאג איז אויסגעפיהרט געווארען א גניבה אין פוטער-געשעפט פון חערבער אויף זשעראמסקעגא 14. די גנבים האבען זיך אריינבעקומען דורך אונטערגראבען זיך אין געשעפט פון דער זייט פון הויף.

# דער קהלה-בודזשעט פון יאהר 1938.

דעם 15-טען סטיצען ווערט שוין ארויסגעלעגט דער קהלה-בודזשעט פון היינטיגען יאהר 1938 צים דורכזעהן.

# פארזיכטיג מיט ראדיא-רייניגער.

מען מאכט אונז אויפמערקזאם אויף א נייעם סארט גנבים, וואס קומען צו די ראדיא-אייגענטימער, אנגעבענדיג זיי אויסצורייניגען די לאמפען. נאכ'ן אפטוהן די מלאכה, ווייזט זיך שפעטער ארויס, אז צוזאמען מיט די נייע "ראדיא-מעכאניקער" ווערען אויך פערשווינדען א ביסל לאמפען.

# פון וואיאזשארען-פאראיין.

אויף דער רעארגאניזירונג'ס-פערזאמלונג פון היגען וואיאזשארען-פאראיין איז אויסגעוועהלט געווארען אלס פרעזעס ה' מ. ל. פישמאן, אלס וויצע — א. בירענבוים סעקרעטאר — י. אדלער, קאסירער — מ. פרידמאן.

אלס פערוואלטונג'ס-מיטגלידער: חיינער, זיידענשניידער, ראזענבלום. אין שיד'ס געריכט: פרישטייער, קאסליאר, צווייגענהאפט.

# פון דער ת"ת אויף סקארשעווער גאס.

די ת"ת תורה אויף דער סקארשעווער גאס קאמוניקירט, אז דער פרעזעס מ. דען האט געשאנקען פאר דער ת"ת 10 מעטער קוילען און די פירמע "קאראנא" פון ה' בוכמאן האט געשאנקען 20 קילא פערדעשע-לעדער אויף שיך פאר די קינדער פון דער זעלבער ת"ת.

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach
w Radomskim Towarzystwie
Elektrycznym Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

(ענדע פון דער 1-טער זייט)

דער נפטר האט אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט, וואס דער ה' דיאמענט האט אויך נישט פערשפילט צוליב איהם זיין חלק עולם הבא, חייל מיט'ן שענקען צוריק די 200 רובעל האט ער זיך געהיט געקויפט יענע וועלט.

דער דאזיגער פאקט ווארפט א ליכט אויפ'ן נפטר, וועלכער טראץ זיין פראקטיש-אינטערנעמערישען גייסט האט ער דאך פערשטאנען, אז א מענש לעבט נישט אייביג און ווי לאנג מען לעבט בעדארף מען אויסער די אייגענע מאטעריעלע גיטער, אויך געדענקען צו טוהן מעשים טובים און דינען דעם כלל.

מיט'ן טויט פון ר' שמואל אדלער ז"ל געהט אוועק איינער פון די אלטע וועטעראנען אויפ'ן געביט פון פילאנטראפישער טעטיגקייט.

זאל איהם די ערד גרינג זיין.

• • •

חוץ די פאמיליע, האט אויך די גמינע ארויסגעהאנגען טרויער-מודעות דערפאר, וואס ר' שמואל אדלער, אין אויך געווען אמאהל א מיטגליד אין דער קהלה-פערוואלטונג.

אין דער לויה האט זיך בעטייליגט א גרויסער עולם. מ'האט דעם נפטר אריינגענומען אין שוהל, וואו ס'האט איהם מספיד געווען הרב קעססענבערג.

• • •

אין זיין צוואה האט דער פערשטארבענער אנגעוויזען א סומע פון 500 זל. אויף איינשרייבען זיין נאמען אין גאלדענעם בוך פון קרן קימת לישראל אין ירושלים, אין זעלבען בוך וואו ס'פיגורירט אויך דער נאמען פון זיין פרוי, וואס ער האט געלאזט פעראייביגען נאך איהר טויט.

ווי מיר הערן האט די פאמיליע צעטיילט א גרעסערע סומע פאר פערשידענע יודישע אינסטיטוציעס אין שטאדט.

מיר ווינשען אונזער פרעזידענט
בינם זיידמאן און פרוי
א הארציגען מזל-טוב
צו דער פערלאבונג פון זיין שוועסטער
בלימה זיידמאן (ראדאם)
מיט זאשא רוס (וויען)
פעראיין קאנגרעס-פוילען
(וויען)

יהודה זילבערשטיין חנה מאלין
ראדאם מאטשעוויצע
פערלאבט
יאנואר 1938.

צו דער פערלאבונג פון אונזער חבר
יהודה זילבערשטיין מיט פר"ל חנה מאלין
אונזערע בעסטע ווינשען.
קאמיטעט און ארגאניזאציע פועלי ציון צ. ס.
קאמיטעט און ארגאניזאציע "פרייהייט"

# ספעציעלער בודזשעט פון 25 טויזענד זל. פאר הרב טייטעלבוים.

אין צוזאמענהאנג מיט די אונאויפהערליכע און אפטע אנקלאגעס פון הרב טייטעלבוים אין אלע אינסטאנצען, דאס די אויפזעה'ס-מאכט אין די לעצטע טעג אויפגעפאדערט די גמינע אויס'ן סמך פון דער נייער פעראַרדנונג וועגען רבנים (דאניטאר №60/1937) צו דעקען דעם רב טייטעלבוים זיינע פערלעגענע פענסיעס, ווי אויך צוריקצאהלען די הכנסות, וועלכע די גמינע האט גענומען פון די מעטריקע-ביכער און חתונה אקטען פון יאהר 1930 ביז 1934.

דער רב טייטעלבוים מאהנט ביי דער גמינע:

| | | |
|---|---|---|
| צו דער פענסיע פון | 1932 — 80, — 1880 | זל. |
| " " " | 1933 — 80 — 2125 | " |
| " " " | 1934 — 03 — 2901 | " |
| " " " | 1935 — 41, — 2014 | " |
| און צום ערשטען האלבען יאהר | 1936 — 51, — 1176 | " |
| צוזאמען אלזא | 55 — 10098 | זל. |

די פאדערונג פון די מעטריקע-ביכער און חתונה-אקטען בעטרעפט 8429 זל. צוזאמען בעטרעפט אלזא דער בעטראג 1852755 זל.

דעם בעטראג פערלאנגט די מאכט, אז די גמינע זאל הרב טייטעלבוים בעצאהלען אין פערלויף פון יאהר 1938.

ווען מען נעמט אין בעטראכט די געבליבענע פענסיע פון 1937 און די לויפענדע פענסיע פון 1938 יאהר, קומט אויס, אז מען בראוך דעם ה"ב טייטעלבוים צובעצאהלען אין לויף פון 1938 אנ'ערך פון 25000 זל.

היות ווי אזא בעטראג, איז זעלבסטפערשטענדליך אונמעגליך צו געפינען אין די איינקונפטען פון דער גמינע פאר איין פערזאהן, ווייל דאס בעטרעפט צירקא 40 פראצ. פון אלגעמיינעם עטאט וועלכער איז אויסגערעכענט פאר אלע הצטרכית'ן פון דער גמינע און אזוי ווי אלע פערטראקטאציעס פון דער קהלה מיט הרב טייטעלבוים פרידליך דעם ענין צו ערלעדיגען האבען קיין שום רעזולטאטען נישט געבראכט — בלייבט נישט קיין אנדערער וועג ווי צו בעלאסטען די יודישע בעפעלקערונג אין ראדאם מיט א ספעציעלען שטייער אין דער פארם פון א ספעציעלען בודזשעט.

דער דאזיגער וועג איז אנגעוויזען געווארען דורך דעם מיניסטעריום, וואס האט נאך א פערזענליכער אויפקלערונג מיט די קהלה-פארשטעהער אנערקענט אז דער בעטראג פון הרב טייטעלבוים איז אונמעגליך צו דעקען דורך א נארמאלען יעהרליכען בודזשעט.

די קהלה-פערוואלטונג אויף א ספעציעלע זיצונג, וועלכע איז פארגעקומען אין דעם ענין נעכטען דאנערשטאג דעם 6 יאנואר ד. ח. האט אנגענומען א בעשלוס צו מאכען א כעזונדערן בודזשעט אין אויסמעסטונג-שטייער אויפ'ן 1938 יאהר. .ס

Ku uwadze naszych Elegantek!
Po krótkiej przerwie otworzyliśmy naszą pracownię
SUKIEN DAMSKICH
Modele paryskie i wiedeńskie
EJGERÓWNA i GISSERÓWNA
Żeromskiego 18/7

KINO APOLLO

שבת 3 נ. מ. און זונטאג 12 און 1\45

WŁADCZYNI PUSZCZY

Od poniedziałku b. m.

Książe i Zebrak

(דער פירשט און דער בעטלער)

אין די הויפט ראָל

טרראל פלין

און דער צווילינג יללי און באָביי

פון מארגען שבת דעם 1-טן

najwspanialszy film produkcji polskiej

UŁAN Księca Józefa

w rolach głównych Smosarska Conti Sielanski i inni

Nadprogr. ciekawe dodatki

KINO APOLLO

TOWARZYSTWO

„Przyjaciół Wiedzy"

W RADOMIU

Szkoła Powszechna, Gimnazjum i Liceum

komunikuje, że egzamina do wszystkich klas szkoły powszechnej, gimnazjum i I-klasy licealnej odbędą się dnia 11 stycznia

Zapisy przyjmuje kancelaria codziennie w godzinach urzęd.

# אויפקלערונגען מכח די 106⁵⁰ דאלאר פון באלטימארע.

צו דער רעדאקציע פון „ראדאמער-קעלצער-לעבען".

ג. ה׳ רעדאקטאר!

איך בעט העפליך צו פערעפענטליכען אין אייער ח, צייטונג פאלגענדע אויפקלערונג:

אין לעצטען נומער „ראדאמער-קעלצער-לעבען" פון 31 דעצעמבער ס. י. האט זיך בעוויזען א נאטיץ, או ה׳ מאריס גאלדבערג האט ארויסגעשיקט אויף מיין אדרעס פאר׳ן שפיטאל 106 דאלארן.

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן דאזיגען נאטיץ ערקלער איך, אז ביז היינט האב איך קיין געלד פון די אמעריקאנער לאנדסלייט פאר׳ן שפיטאל נישט בעקומען.

דאנקענדיג פאר אפגעבען ארט פאר מיין ערקלערונג צייכען איך זיך מיט אכטונג.

ד״ר י. קליינבערגער

# ערקלערונג פון דער גמינע

ג. ה׳ רעדאקטאר!

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן נאטיץ אין אייער ח, צייטונג פון פאריגע וואך וועגען די 106⁶⁰ דאלאר פון באלטימארע, בעטען מיר צו פערעפענטליכען פאלגענדעס:

די דערמאנטע סומע געלד האט די קהלה דערהאלטען פון ה׳ מאריס גאלדבערג פון באלטימארע אין מאנאט סעפטעמבער 1937 דורך דער „אמעריקאן עקספרעס קאמפאניע", אבער ס׳איז נישט געווען אנגעוויזען אויף וואס פאר א צוועק די 107 דאלאר זאלען פערווענדעט ווערען. דאס געלד איז בעקומען אויף דעם אדרעס פון דער גמינע און ביז׳ן היינטיגען טאג ווארט די קהלה אויף אזא ידיעה, וואס צו טוהן מיט׳ן געלד.

מיט אכטונג

די יודישע קהלה אין ראדאם.

* * *

ביי דער געלעגענהייט ענטפערען מיר דא דעם ה׳ מאריס גאלדבערג אויף זיין אנפראגע, ווען ס׳איז די יאהרצייט פון ר׳ ישראל פרענקעל ז״ל. חי עס אינפארמירט אונז ה׳ דוד פרענקעל, דער זוהן פון ר׳ ישראל פרענקעל ז״ל, איז די יאהרצייט כ״ז אדר.

# הרב יחיאל מאיר בלומענפעלד אין ראדאם.

דער ראדאמער מזרחי האט געהאט דעם פערגאנגענעם שבת זזהר א חשובען גאסט. דער צענטראל-קאמיטעט פון מזרחי אין פוילען האט דעלעגירט קיין ראדאם זיין אנגעזעהענעם מיטגליד הרב ר׳ יחיאל מאיר בלומענפעלד אין פארטיי-אנגעלעגענהייטען.

הרב בלומענפעלד איז ארויסגעטרעטען מיט עטליכע רעפעראטען אין מזרחי, וואס האבען געמאכט א שטארקען רושם אויף אלע צוהערער. הרב בלומענפעלד האט נאך אין זיינע קינדער יאהרען גע׳שמ׳ט אלס עילוי און ביים היינטיגען טאג איז ער זעהר פאפולער און ער ווערט גערעכענט צווישען די גרעסטע לומדים אין פוילען. זיין נאמען איז אויך בעקאנט אין דער לומדישער וועלט אין אויסלאנד. זיינע רעפעראטען, וואס ער האט דא געהאלטען האבען זיך אויסגעצייכענט מיט א גייסטרייכען אינהאלט און האבען בעוויזען, אז ער איז דערצו א גלענצענדער רעדנער און בעזיצט אויך א גרויסע אייראפעאישע וויסענשאפט און וועלטליכע ידיעות.

הרב בלומענפעלד האט פערפאסט א גאנצע רייהע ספרים, וואס האבען ארויסגערופען גרויס אנזעהן אין די געלעהרטע קרייזען, ביז היינטיגען טאג רעדאגירט ער דעם רבנישען זשורנאל „ירושלים", וואו עס ארבייטען מיט די גרעסטע רבנישע אויטאריטעטען פון גאר דער וועלט. ער פארנעמט היינט דעם פאסטען אלס ראש-ישיבה אין סעמינאריום תחכמוני אין ווארשא, וואס שטעהט אונטער דער לייטונג פון פראפעסאר מאיר באלאבאן. אין ווארשא איז ער א שם-דבר און שפילט א גרויסע ראָל אין דער מזרחיסטישער בעוועגונג. הרב בלומענפעלד האט א פאמיליען-שייכות מיט ראדאם, וואו ער האט געהאט א זיידען ר׳ חיים לייביש שוחט ז״ל, וועלכער איז זיינער צייט געווען איינער פון די שענסטע און אנגעזעהענסטע מענשען אין שטאדט.

אויסער די אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע פארטראגען, האט הרב בלומענפעלד אויך אפגעהאלטען בעת זיין אפענטהאלט אין ראדאם א רייהע קאנפערענצען מיט די היגע מזרחיסטישע טוער, צווישען וועלכע ס׳האט בעזונדערס גענומען אנ׳אקטיוון אנטייל דער היגער מזרחישער עסקן ה׳ ווארצוואקער.

Państwu Sz. Eiger oraz Rodzinie Frydman

z powodu przedwczesnego zgonu B. P.

Chemii Frydmana

wyrazy głębokiego współczucia

wyrażają

Landauowie (Żeromskiego 30)

לחברינו המורשה ח׳ ישעי׳ איגר ומשפחתו

למות גיסו ואחיה

נחמיה פרידמאן נ. ע.

הננו מביעים בזה את רגשי ההשתתפות

לשכת

הקרן הקימת לישראל ברדום

צו די שלושים פון ר׳ אברהם ליפע דען ז״ל

זונטאג ז. שבט תרצ״ח וועט אפגעריכט ווערען אין

בית מדרש של ר׳ אברהם ליפא דען בין מנחה למעריב

אנ׳אזכרה צו די שלושים פון המנוח

ר׳ אברהם ליפא דען ז״ל

אויף וועלכער עס ווערען געבעטען אלע מתפללים פון אונזער בית-מדרש און גוטע פריינד.

די גבאים של בית המדרש

ד׳ר׳ אברהם ליפא דען שפיטאלנע 2

DBAJCIE O ZDROWIE DZIECI

NADSZEDŁ Świeży TRAN

SKŁAD APTECZNY ST. KUROWER

RADOM, ŻEROMSKIEGO 1

przy uporczywych

BÓLACH GŁOWY

stosuje się proszki

ZNAK OCHR.

PSZCZÓŁKA

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע **אדלער**
צוליב'ן טויט פון זייער חשוב'ען **פאטער**

# ר' שמואל אדלער ז"ל

(אמאליגער דאזאר און פערוואלטונג'ס-מיטגליד פון דער יודישער קהלה אין ראדאם)

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**די צייטוו. קהלה-פערוואלטונג**
אין ראדאם.

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
דעם פרעזעס פון קאמיטעט ביי דער גמ"ח קאסע
**ר' איתמר אדלער** און די **פאמיליע**
צוליב'ן טויט פון זיין ברודער

## ר' שמואל אדלער

(איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער גמ"ח קאסע)
המקים ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

די פערוואלטונג, דער קאמיטעט און דאס פערסאנאל
פון דער **גמילת-חסד קאסע**
אין ראדאם.

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
דעם געעהרטען פרעזעס ה' **איתמר אדלער**
מיט זיין פאמיליע צוליב'ן טויט פון זיין פערשטארבענעם ברודער

## ר' שמואל אדלער ז"ל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

אין נאמען פון דער געזעלשאפט **„עזרה"**
סעקרעטאר **יצחק גרין**

---

דעם זעהר חשוב'ן פרעזעס פון דער הויפט-פערוואלטונג
פון „טאז" אין ווארשא ד"ר **גרשון לעווין** און זיין פרוי
צוליב'ן טויט פון זייער פאטער און שווער

## ר' שמואל אדלער נ. ע.

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
**די פערוואלטונג פון דער „טאז"-אבטיילונג** אין ראדאם

---

דעם געעהרטען פרעזעס ה' **איתמר אדלער**
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
צוליב'ן טויט פון זיין ברודער

## ר' שמואל אדלער נ. ע.

אין זיין געזעלשאפטליכע ארבייט זאל ער א טרייסט געפונען
**די פערוואלטונג** און דאס **פערסאנאל** פון **בית-יתומים**
אין ראדאם.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דעם חשוב'ען פרעזעס ה' **איתמר אדלער**
צוליב'ן טויט פון זיין ברודער

## ר' שמואל אדלער נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
**דאס פערסאנאל** פון דער **געזעלש. „עזרה".**

---

די אלע, וואס האבען אנטייל גענומען אין אבגעבען דעם לעצטען כבוד
אונזער **פאטער שווער** און **זיידע**

# ר' שמואל אדלער נ. ע.

אין די העלכע האבען אונז ארויסגעדריקט מיטגעפיהל און בפרט דעם רב **קעסטענבערג** פאר זיינע טרייסט - ווערטער
און אנערקענונג פאר אונזער געשעצטען נפטר — דאנקען מיר פון טיפען הארצען.

**קינדער און פאמיליע.**

---

# פשיטיקער „העלד" וולאסעק פער'משפט פאר סאדיזם.

די ראל, וועלכע דער פשיטיקער העלד, דער לעהרער פון דער דארטיגער פאיישצכנע שול, וולאסעק, האט געשפילט בעת די פשיטיקער געשעהענישען, איז די לעזער גוט בעקאנט פון די פשיטיקער טעג פאר'ן ראדאמער געריכט.

דער דאזיגער טרויעריג בעריהמטער העלד איז דאן, נאך, ווי בעקאנט, אניםגעצייכענט געווארען פאר זיינע מעשים טובים אויפ'ן קולטור-געביט און מיט דעם האט זיך זיין שטערן אויפ'ן פשיטיקער פירמאמענט אויסגעלאשען...

און אפנים, אז וולאסעק איז אנערקענט געווארען פאר אומנויטיג צו „לייסטען" חייטער אין פשיטיק און ער איז אויך אריבערגעטראגען געווארען קיין פסארי, א דארף אין זאגלעמביע, אלס לעהרער פון דער דאזיגער פאחשעכנע שול.

אבער נאך רעכט האט זיך וולאסעק נישט בעוויזען איינצוגלידערען אין זיין נייער נארע און שוין איז ער צוגעצויגען געווארען דורכ'ן געריכט צו פעראנטווארטליכקייט פאר סעדיזם.

וולאסעק אלט לעהרער אין דער דאזיגער שול האט זינט ער איז געקומען זיך גענומען צו זיינער א פעדאגאגישער פראקטיק איבער די דאטיגע שולקינדער, טרייבענדיג איבער זיי מיאוסע סאדיסטישע ארגיעס.

די דאזיגע שענדע מעשים פון דעם גייסטיגען פשיטיקער העלד זענען דערגאנגען צו דער אויפמערקזאמקייט פון דער מאכט און די טעג איז ער געשטאנען פאר'ן סאסנאוויצער קרייז-געריכט אלס אנגעקלאגטער דורך דער פראקוראטור.

לויט'ן בעשולדיגונגס אקט איז איהם פארגעוואָרפען געווארען פערפייניגען און שלאגען קינדער, אויסחייזעניג בשעת מעשה סאדיסטישע סיבנים.

אין געריכט האט זיך דער טרויעריגבעריהמטער העלד פערטיידיגט. אז די מיאוס'ע שטיק זיינע האט ער אויסגעפיהט איבער די קינדער, אלס מדריך און ערציהער.

דאס געריכט האט אבער געלעגט קנאפ אכט אויף זיינע תירוצים און איהם פער'משפט אויף 6 חדשים תפיסה.

# Niemasz ponad mydło „TRÓJKA"

נ. ע. **לייביש מענדיל באַליצקי** (מחסידי ראדאָשיץ)

איז נאָך קורצע און שווערע ליידען געשטאָרבען שבת, דעם 1-טען יאַנואר 1938 (ר"ח טבת תרצ"ח.) אין עלטער פון 65 יאָהר.

**די לויה איז פארגעקומען זונטאג דעם 2-טען פון זיין וואוינונג פיאטרקאווסקא 20**

העגען האָס ס'זענען מודיע די אין טיפף פארבליבענע

**פרוי, טעכטער, זוהן, ברודער, שנירען, איידעמס, אייניקלעך און פאַמיליע.**

קיעלץ

---

RODZINIE BALICKICH z powodu przedwczesnej śmierci Ich ukochanego MĘŻA i OJCA

B. P. **MENDLA**

wyraża najgłębsze współczucie

**Spółdzielnia Kredytowa Kupców i Przemysłowców w Kielcach**

---

משתתפים אנחנו בצערם של משפחת באליצקי

למות עליהם אביהם ואחיו את חברינו וסנן יוש"ר

נ. ע. ר' **לייביש מנחם מענדיל** ע"ה

המקם ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

הועד תומכי עניים בקילצה

---

## די האַנדלונג פון ה' מאטעל אפּאַטאָווסקי.

דינסטאג דעם 21 דעצעמבער איז צו מיר געקומען דער קירושניער ה' מאטעל אפּאטאָוסקי בכדי אנצונעמען ביי מיר א בעשטעלונג אויף א לאפּקע-פוטער אויף א סומע 925 זלאטעס. ער האָט באלד בעקומען 200 זל. א קאנטא און ה' אפּאטאָוסקי האָט צוגעזאגט דאס "פוטער צו מאכען אין עטליכע טעג ארום. דעם זעלבען טאג איז אפּאפּאָווסקי אוועק אין איועגד צום שניידער פּאטאושניק (ושעראמסקי 16) וואו מ'האָט געמאכט דעם שקיץ און דאן זענען מיר אלע דריי (איך, מיין זוהן ירחמיאל און אפּאטאָווסקי) אוועק צו אפּאטאָווסקי צו שניידען דאס פוטער. און צימעסטענדיג דעם שקיץ פון קרויזע. האָט ער ערקלערט, אז עס פעהלט צו א פלאטקע פוטער. וואס ער האָט ביי דער פרוי טשעכאנאָווסקא, אבער ער קען דאס יעצט נישט אבנעמען צוליב דער שפּעטער שעה און דעריבער מוז מען דאס אפּלענען אויף מארגען 10 אינדערפריה.

(אגב האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, אז ער האָט אזא פלאטקע פוטער ביי פרוי טשעכאנאָווסקא נישט געהאַט) ארויסגעהענדיג האָבען מיר בפירוש געזאגט, אז ער זאל נישט צושניידען אהן אונזער אנוועזענהייט.

אויף צומארגענס פריה, ווען אך בין געקומען צו ה' אפּאטאָווסקי איז ער מיך אנגעפאלען מיט זלזולים, שרייענדיק: דו גנב, האָסט אבגעשניטען א שטיק פוטער און מיך הייסטו מאכען א פאלטא? דאס זעלבע האָט אויך געשריגען זיין זוהן חיים. יוען מיין זוהן איז אריינגעקומען האָט אפּאטאָווסקי מיט'ן זוהן דאס זעלבע אויך פארגעווארפען אים. מיין זוהן האָט זיי אויפגעוויזען, אז ס'איז אוממעגליך און ס'קען קיין רייד נישט זיין, אז מיר זאלען האָבען אבגעשניטען דאן, ווען דאס פוטער איז געלעגען ביי אים! אבער אנשטאט צו אנערקענען דעם אמת איז מאטעל אפּאטאָווסקי זיין זוהן חיים מיט די צוויי ארבייטער אנגעפאלען אויף אינז און געשלאגען. ווען מיר זענען ארויס אנטלאפען פון שטוב, זענען זיי אינז נאך אויפ'ן הויף און אומוואָרפענדיג מיין זוהן האָבען זיי אים גוט צושלאגען.

דאס גיבען מיר איבער דער עפענטליכקייט ווי אזוי עס האנדעלט דער ה' אפּאטאָווסקי מיט זיינע קליענטען.

ווי אזוי דער ה' אפּאטאָווסקי האָט געמאכט א לאפּקע-פאלטא דער פרל. ל. וועלען מיר שרייבען די צווייטע וואך.

**אברהם נייהויז, ירחמיאל נייהויז.**

---

## צו די שלושים פון ר' אברהם ליפּא דען ז"ל

איבערמארגען זונטאג ז. שבט קומט פאָר אנ'הזכרה נאָך ר' אברהם ליפּא דען ז"ל אין זיין אייגענעם בית מדרש אויף שפּיטאַל. א 2. אויף דער הזכרה וועלען געהאלטען ווערען הספדים וועגן די גוטע מידות און מעלות טובות פון פארשטאָרבענעם.

שוין 30 טעג פעהלט דער דאָזיגער יור אין שטאָדט און די אבידה איז נאָך נעוונג פריש ביי די אלע, וואָס זענען געשטאַנען נאָהנט צו איהם און גוטס פון זיין גוטסקייט, וואָס ער האָט געטוהן זיין גאַנץ לעבען. זיין נאָמען וועט לאַנג, לאַנג נישט פארגעסען ווערען און שטענדיג דערמאַנט ווערען מיט שבחים. חעיכע ער האָט זיך באמת פארדינט און איינגעקויפט יהי זכרו ברוך!

---

## א נייער וואיעוואדע איז קעלץ.

אין מיטוואכדיגן נומער פון דער יידיש-פוילישער צייטונג „נאווי-גלאס" לייענען מיר, אז אין יאנואר 1938 וועט פארקומען א ענדערונג אין דער קעלצער וואַיעוואָדשאפט. דער היצע-וואַיעוואָדא פון קראקא ד"ר. פיאטר מאלאשינסקי זאל ווערן קעלצער וואַיעוואָדא אויפ'ן אָרט פון איצטיגן וואַיעוואָדא ד"ר דזשאדאש.

---

## גאנץ יענדזשעוו אהן כשר פלייש.

ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט זענען די יענדזשעווער שוחטים בעשטראָפט און דערהייסטערט געוואָרען פון וייער אַמט דורכ'ן סטאראָסטע צוליב שעכטען מעהר ווי דער קאָנטינגענט איז געווען אין יאָהר 1937.

דעם לעצטען מאָנטאָג האָבען די שוחטים זיך געווענדעט צום יידישען קהלה אין ווארשא וועגען א אינטערווענץ אין אינער'ן מיניסטעריום. זיי פערענפערען זיך אז זיי האָבען נישט געוואוסט ווי פיעל דער קאָנטינגענט איז און געשאָכטען נאָר אונטער'ן אויפזיכט פון וועטערינאַר-דאָקטאָר.

דערווייל איז יענדזשעוו געבליבען אהן כשר פלייש ביז דער ענין וועט נישט ווערען ערלעדיגט.

---

## בעקאנטמאכונג

שבת צו-נאכט'ס (מוצש"ק) פ' משפטים דעם 29 טעיציען ה. י. 6 אָוענד קומט פאָר

## די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
## פון דער ראדאמער חברה קדישה וחסד של אמת

די פערזאַמלונג איז בעשטימט אין ערשטען טערמין אויף 6 אָוענד און אין צווייטען טערמין 7 אָוענד קומט זי פאָר ביי יעדער צאָהל אַנוועזענדע.

טאָג אָרדנונג: 1) וועהלען א פאָרזיצענדען 2) בעריכט 3) וואַהלען פון א פערוואַלטונג און קאַנדידאַטען 4) וועהלען א רעוויזיאָנס-קאָמיסיע 5) פריע פאָרשלאָגען.

אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען צוקומען אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וועלכער קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל זאַמילנאַ 3.

די פערוואַלטונג.

---

**Kino ADRIA**

שבת דעם 8 1 און 3 און

זונטאג דעם 9 12 און 2 אז

**פריהמארגען - פילמען**

עס וועט געגעבען ווערען

**א הערליכער פילם**

**ביז זונטאג דעם 9 סטיטשען איינש.**

**Kino ADRIA**

polski film P. T.

# KRÓLOWA PRZEDMIEŚCIA

melodramat osnuty na tle znanego wodewilu Krumłowskiego **w rol. g-ł.** *Helena Grossówna, Aleksander Żabczynski, Sielanski, Gerasiński, Orwid, Rożycki, Condrat, Buczynski i inni*

---

**אכטונג קעלץ!** אין אַלע רעדאַקציע און אדמיניסטראציע - ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגן מיט אונזער מיטארבייטער **י. צוקער**

בריפטליך קען מען זיך ווענדען: Red. „Radomer - Kielcer - Leben" Kielce, skrz. poczt. 93. — Tel 16 - 22

TARYFA OGŁ: Na 1-szej stronie mm szp. 40 gr. w tekscie mm 1 szp. 60 gr. na ostatnie stron. mm 1 szp 25 gr. | 1-sza i ostatnia strona liczą 8 szpalt.

אבאָנאַמענטס פרייז: פאַר א חודש אין פוילען זלאָט אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC. tel. 15 - 18 .טעל Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom szwarlikowska 20